**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/01/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער ביל צו באקעמפן די אדיקטיווע השפעות פון פראבלעמאטישע געמבלינג

***ביל S1550/A1118 פארלאנגט אז אלע אדווערטייזמענטס פאר געמבלינג און ספארטס וועטן זאלן אריינרעכענען ווארענונגען איבער פאטענציאלע שעדליכע און אדיקטיווע ווירקונגען פון געמבלינג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א ביל צו באקעמפן די אדיקטיווע השפעות פון געמבלינג. ביל S1550/A1118 פארלאנגט אז אלע אדווערטייזמענטס פאר געמבלינג און ספארטס וועטן זאלן אריינרעכענען ווארענונגען איבער די פאטענציאלע שעדליכע און אדיקטיווע ווירקונגען פון געמבלינג. דער פריערדיגער געזעץ זאגט אז יעדע אדווערטייזמענט מוז ארויפלייגן אויף א קלארע און זעהבארע אופן א האטליין נומער פאר פראבלעמאטישע געמבלינג. ביל S1550/A1118 בויט ארויף אויף די פריערדיגע ביל צו אויסקלארן אז אדווערטייזמענטס איבער ספארטס וועטן אויפן טעלעפאן/אינטערנעט האבן די זעלבע תנאים וואס גייען ארויף אויף אנדערע גע׳מינג-פארבינדענע אדווערטייזמענטס.

"דאס באשיצן ניו יארקער פון די געפארפולע און אדיקטיווע ווירקונגען פון פראבלעמאטישע געמבלינג און ספארטס וועטן איז קריטיש וויכטיג פאר די בליהאונג פון אונזער געוואלדיגע סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך וויל אז ניו יארקער זאלן קענען זיכערערהייט געניסן פון די אקטיוויטעטן וואס זיי האבן ליב, בשעת'ן זיך באגיין מיט פארזיכטיגקייט ווען נויטיג. איך בין זיכער אז מיט די אונטערשרייבונג פון די נייע ביל, וועלן ניו יארקער האבן גרינגערע צוטריט צו די זיכערהייט מיטלען וואס זיי דארפן זיך צו בעסער באשיצן פון די קייט פון אדיקשען."

**ביל S1550/A1118** פארלאנגט אז אלע אדווערטייזמענטס פאר געמבלינג און ספארטס וועטן זאלן אריינרעכענען ווארענונגען איבער פאטענציאלע שעדליכע און אדיקטיווע ווירקונגען פון געמבלינג; און עס פארלאנגט אז די סטעיט גע׳מינג קאמיסיע (State Gaming Commission) זאל ארבעטן צוזאמען מיט די קאמישאנער פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע (Addiction Services and Supports) צו זיכער מאכן אז אלע אדווערטייזמענטס פאר גע׳מינג אקטיוויטעטן רעכענען אריין א האטליין נומער פאר הילף מיט פראבלעמאטישע געמבלינג.

**סטעיט סענאטאר ליראָי קאָמרי האט געזאגט,** "ניו יארקע איינוואוינער האבן צוטריט צו פארשידענע געמבלינג אפציעס, אריינרעכענענדיג קאסינאוס, רעיס טרעקס און ספארטס וועטן פלאטפארמעס ווי FanDuel און DraftKings. עס איז קריטיש אז באניצער זאלן זיין אינפארמירט איבער די סכנות פון אדיקשען און וויסן וואו זיך צו ווענדן פאר הילף אויב נויטיג. כאטש די איינקונפטן פון די סטעיט רעגירונג איז אוודאי וויכטיג, איז דאס שטופן פאר פאראנטווארטליכע געמבלינג און היטן אויף אונזערע קאמיוניטיס אויך קריטיש. איך באדאנק מיין קאלעגע, אסעמבלי מיטגליד קלייד וואנעל, פארן ארבעטן מיט מיר און אונזערע קאלעגן דאס צו אריבערפירן, און גאווערנער האקול — פארן ארייַנשרייבן די ביל אין געזעץ."

**אסעמבלי מיטגליד קלייד וואנעל האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט אז די גאווערנער אנערקענט די ביל אלס א וויכטיגע טריט פאראויס צו באשיצן ניו יארקער וואס קענען מעגליך זיין אויסגעשטעלט צו א געמבלינג אדיקשען. מיט דעם נייעם געזעץ, טוהען מיר פארשטערקערן די שוץ פון ניו יארקער אריבער אונזער סטעיט. די נייע ענדערונגען צו דעם געמבלינג אדווערטייזמענטס געזעץ וועט העלפן שטופן פאר פאראנטווארטליכע געימינג פראקטיקן און צושטעלן שטיצע פאר די וועלכע דארפן עס."

**ניו יארק סטעיט געימינג קאמיסיע פארזיצער, ברייען אָ'דווייער, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט אנערקענט די וויכטיגקייט פון פאראנטווארטליכע געימינג פראקטיקן און האט שטארקע שוץ מאסנאמען אין פלאץ צו באשיצן און אויפקלערן מענטשן וואס וועטן. כאטש די געימינג קאמיסיע פארלאנגט שוין יעצט פון ספּארטס וועטן פירמעס צו ארויפלייגן מעלדונגען איבער פראבלעמאטישע געמבלינג אויף אלע זייערע אדווערטייזמענטס, זענען מיר ערמוטיגט אז די שכל'דיגע מאסנאם איז אריינגעלייגט געווארן אין סטעיט געזעץ. מיטן אונטערשרייבן די ביל, זעצט גאווערנער האקול פאר צו אהערשטעלן קלוגע און פאראנטווארטליכע געימינג פּאליסיס וואס העלפן שטיצן אונזער סטעיט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע (Office of Addiction Services and Supports, OASAS) קאמישאנער, דר. טשינאַזאָו קאנינגהעם, האט געזאגט,** "מער מענטשן קענען צוקומען צו געמבלינג פון סיי ווען בעפאר, און דערפאר איז דאס וויכטיג אז אזוי ווי די געלעגנהייטן פארמערן זיך זאלן מיר פארזעצן אונזערע באמיאונגען צו אויפקלערן ניו יארקער איבער די סכנות פון פראבלעמאטישע געמבלינג און וואו זיי קענען טרעפן הילף און שטיצע. מיטן אונטערשרייבן די ביל, טוט גאווערנער האקול אונטערנעמען נאך וויכטיגע שריט צו היטן אויף ניו יארקער און זיכער מאכן אז זיי קענען פארזעצן צו געמבלען פאראנטווארטליכערהייט, בשעת'ן זיכער מאכן אז זיי קענען אויך גרינג צוקומען צו קריטישע מיטלען אויב נויטיג."

פראבלעמאטישע געמבלינג ווערט אפט גערופן א באהאלטענע אדיקשען, ווייל עס האט נישט קיינע פיזישע סימנים וואס זעהען זיך אן פון אינדרויסן. עס קען פירן צו פינאנציעלע, עמאציאנאלע, געזעלשאפטליכע, דזשאב-פארבינדענע און פיזישע שאדן און עס קען האבן חורבנות-אנזייענדע קאנסעקווענצן פאר מענטשן ווי אויך פאר זייערע פאמיליעס און פריינט.

מענטשן וואס זוכן הילף פאר פראבלעמאטישע געמבלינג האבן א צאל פון אפציעס וואו צו טרעפן הילף אין ניו יארק סטעיט, אריינרעכענענדיג אנשטאלטן, קליניקס און ריהעב פראגראמען און ערהוילונג שטיצע, דורך א שטארקע סיסטעם פון סערטיפייד פּראָווײדערס, סטעיט-אנגעפירטע באהאנדלונג סערוויסעס און א שטארקע נעטווארק פון פריוואטע פראפעסיאנאלן. ראיאנישע פראבלעמאטישע געמבלינג הילפס-מיטל צענטערן, וואס ווערן פינאנצירט דורך די OASAS און אנגעפירט דורך די ניו יארקע קאונסיל אויף פראבלעמאטישע געמבלינג (New York Council on Problem Gambling), קענען צושטעלן הילפס-מיטלען אריינרעכענענדיג אינפארמאציע, טרעינירונג און פארבינדונגען מיט הילף. די צענטערן זענען אויסגעשפרייט אין יעדער ראיאן פון די סטעיט.

מענטשן וואס זוכן הילף קענען באזוכן NYProblemGamblingHelp.org אדער רופן ניו יארק סטעיט'ס קאנפידענטשעל HOPEline האטליין אויף 1-877-8-HOPENY (1-877-846-7369) אדער טעקסטן HOPENY (467369).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן